מען צוליב מײַן נאָמען. ווער אָבער עס וועט
אויסהאַלטן ביז צום סוף, דער וועט געראַטעוועט
23 ווערן. און ווען זיי פֿאַרפֿאָלגן אײַך אין דער דאָזיקער
שטאָט, אַנטלויפֿט אין דער אַנדערער אַרײַן. וואָרום
באמת זאָג איך אײַך: איר וועט נישט אַדורכגיין
די שטעט פֿון ישׂראל, ביז דער בן־אדם וועט קומען.
24 אַ תּלמיד איז נישט איבער זײַן רבין, און אַ קנעכט
25 נישט איבער זײַן האַר. עס איז גענוג פֿאַר דעם
תּלמיד, אַז ער זאָל זײַן ווי זײַן רבי, און דער קנעכט
ווי זײַן האַר. אויב דעם בעל־הבית האָט מען גערופֿן
26 בעל זבול, וויפֿל מער זײַנע בני־בית! דעריבער
זאָלט איר זיך נישט פֿאַרכטן פֿאַר זיי! וואָרום עס
איז נישטאָ קיין באַהאַלטענע זאַך, וואָס וועט נישט
אַנטפּלעקט ווערן; און קיין פֿאַרבאָרגענע זאַך,
27 וואָס וועט נישט באַקאַנט ווערן. וואָס איך זאָג
אײַך אין דער פֿינסטער, דאָס זאָלט איר רעדן
אינם ליכט, און וואָס עס ווערט אײַך געשעפּטשעט
אין אויער אַרײַן, דאָס זאָלט איר אויסרופֿן אויף
28 די דעכער. און פֿאָרכט זיך נישט פֿאַר די, וואָס
טייטן דעם גוף, אָבער האָבן נישט קיין קראַפֿט צו
טייטן די נשמה; אָמער זאָלט איר זיך פֿאַרכטן פֿאַר
דעם, וואָס איז בכּח צו פֿאַרדאַרבן סײַ די נשמה
29 סײַ דעם גוף אין גיהנום. פֿאַרקויפֿט מען דען
נישט צוויי פֿייגעלעך פֿאַר איין פּרוטה? און דאָך
פֿאַלט נישט קיין איינס פֿון זיי צו דער ערד אָן אײַער
30 פֿאָטער. בײַ אײַך אָבער זענען אַפֿילו די האָר פֿון
31 קאָפּ אַלע געציילט. דעריבער זאָלט איר נישט מורא
האָבן; איר זענט ווערט מער ווי אַ סך פֿייגעלעך.
32 ווער זשע עס וועט מיך מתודה זײַן פֿאַר די
מענטשן, וועל איך דעם אויך מתודה זײַן פֿאַר מײַן
33 פֿאָטער, וואָס איז אין הימל. ווער אָבער עס וועט